# חברה מחזיקי הדת דארצות הברית וקנדה "מצוות עירוב"

ב"ה ברוקלין נוא יארק – צווייטע יארגאנג נאמבער 17 – חודש סיון שנת תשס"ג לפ"ק
נתייסד על ידי בית דין מיוחד לעניני חיזוק הדת: הרב שמשון חיים מאשקאביטש גאב"ד - הרב משה בנימין שווארץ ראב"ד - הרב עזרא קליינמאן הומ"ץ

## מכתבים למערכת - מכתב א'

לכבוד הבית דין הגדול מחברה "מחזיקי הדת" שליט"א:

**שאלה:** וואס איז געווען די שיטה פון כ"ק מרן מסאטמאר זצ"ל וועגן עירוב?

**תשובה:** די תלמידים פון רביה"ק זי"ע האבען ארויסגעגעבען 2 ספרים מיט צענדליגע קונטרסים. די ספרים הייסען 1. על מצות עירוב. 2. חי אנכי לעולם. דער ספר איז צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטען. מיר ברענגען אראפ בלויז די מפתח וועט איר שוין טרעפען א תירוץ אויף אייער שאלה. קויפט דעם ספר וועט איר אלעס פארשטיין. יעדער וואס זאגט זיין אייגענעם דעת אהן מברר זיין אין די מקורות, איז איידער מינות נזרקה בו, ווי עס שטייט אין תשב"ץ, ועוד.

די אלע וואס זענען מוציא לעז אויפן סאטמערער רבין זצ"ל אז ער איז געווען א מתנגד לעירוב זענען צדוקים מינים ואפיקורסים על פי הלכה בלי שום חולק (ווי עס איז מבורר אין קונטרס "המוציא לעז בהלכה", ווי זיי ברענגען אסאך מקורות אויף דעם פון ספר ויואל משה על הגאולה ועל התמורה). יעצט בעיקבתא דמשיחא איז דער עולם הבירור ווער עס באלאנגט צו די קדושה און ווער צו די סטרא אחרא. וראה בדגל מחנה אפרים פ' וישלח וז"ל: הצילני נא מיד אחי מיד עשו. יש לומר על דרך דאיתא במדרש (ילקוט שמעוני עובדיה) לעתיד יתעטף עשו בציצית וישב בין הצדיקים והקב"ה מושכו משם וכו' עיין שם, ויש לומר שזה הוא מצוי גם כן בעולם הזה בעונותינו הרבים שנתרבה השקר בעולם וכל אחד רוצה להעלות במעלות שלומי אמוני ישראל ורואה שהם מלובשים בגדי לבנים בשבת ולובשים טלית בערב שבת במנחה ואומר היות אהיה כמוהו, וזה שקשה מכולן שזה גורם אריכות הגלות שהם נקראים ערב רב שהם מעורבים בישראל וקשה להפרידן כמשל החטה המוץ והתבן שבו שאינו דבוק כל כך להחטה הוא מתפזר בקל אבל הפסולת שבחטה מתדבק בהחטה וקשה להפרידה, וזה יש לומר שמרומז הצילני נא מיד אחי היינו שהוא מעורב ומתדבק בי מיד עשו ואף על פי כן הוא עשו וקל להבין. [ראה זוה"ק שמות (דף ס' ע"ב, סד ע"ב, פב ע"א), קדושת לוי פ' בלק, ישמח משה פ' וישב, פ' בא. אגרא דכלה דף רמ"א, תפי"ש פ' מקץ, ערבי נחל פ' יתרו].

---

## מכתב ב': לכבוד מערכת חברה מחזיקי הדת שליט"א.

איך וויל אייך שיקען א שיינעם חידוש פון הייליגען חידושי הרי"ם, וואס ברוח קדשו האט ער אלעס געזעהן וואס עס וועט פארקומען בימינו אלה. און וועגן דעם גייען אלע גערער חסידים אין זיין שיטה הקדושה, זיך נישט אוועק צורירען פון שו"ע. [איך האף איר וועט דאס אריינלייגען אין צייטונג].

## חידושי הרי"ם - קרח לא היה מודה בעירוב, על כן נקראת מחלוקת של קרח בשם חצירות

מחלוקת של קרח נקרא חצירות, דאמרו חז"ל בשעה שתיקן שלמה המלך ע"ה עירובי חצירות יצאה בת קול ואמרה אם חכם בני וכו', וקשה מה חכמה יש בעירובי חצירות, ונראה דחכם עיניו בראשו ורואה תכלית כל דבר, וכשאדם דבוק בצדיק אמת, יכול הוא לעלות למדריגת הצדיק, וזה תיקן שלמה המלך ע"ה שלכזית שיש בידי אחד יכולים להצטרף אנשים הרבה ולטלטל בכל המקומות וכולם לאחד נחשבים, ובקרח כתיב ויקח ותרגום ואתפלג, שנחלק משאר השבטים ולא הודה בזה שאדם יכול לדבק בצדיק ולהגיע על ידי זה למדרגתו, אלא לדעתו כל אחד הוא בפני עצמו, נמצא שלא הודה בעירוב ונשאר חצירות בלי עירוב פירוש, כמו בתי החצרים שאין להם חומה, לפיכך נקרא מקום מחלוקותו חצרות, עכ"ל. (חידושי הרי"ם עה"ת פרשת קרח).

לויט דעם חידושי הרי"ם קען מען אפשר זאגען א רמז. עס איז באוואוסט וואס עס שטייט אין ספר ישמח משה אויף תנ"ך אין די הקדמה, אז דער ישמח משה איז אראפ געקומען 4 מאל בגלגול. איינמאל איז ער געווען בזמן המחלוקת פון קרח מיט משה רבינו, מען האט געפרעגט דעם ישמח משה מיט וועמען ער האט געהאלטן? האט ער געענטפערט ער איז געשטאנען אין די זייט **אין האט זיך נישט געמישט**. האט מען איהם געפרעגט היתכן ער האט נישט געהאלטען מיט משה רבינו? האט ער געענפערט דאס צו שטיין אין די זייט איז געווען זייער א גרויסער נסיון. אויף די זייט פון קרח איז דאך געווען 250 נשיאים ווי עס שטייט אין פסוק: ויקומו לפני משה וגו' חמשים ומאתים נשיאי עדה וגו' ויקהלו על משה וגו' כלם קדושים. ופירש רש"י כולם שמעו דברים בסיני מפי הגבורה וכו'. על כן איז געווען זייער שווער צו שטיין א קעגען 250 נשיאים. [עיין ישמח משה פ' נח דף ל' ע"א].

אויך קען זיין ווי עס ווערט געברענגט אין ספר גדולת יהושע, נאסעד, "הייטב לב זצ"ל הבטיח שמי שמתקן עיר סיגוט בתיקון עירובין לא יחסר לו עוד שום דבר בעוה"ז ויתן לו גם כן העולם הבא שלו". עיי"ש. קען אויך זיין אלץ אן אייניקעל פון ישמח משה איז אים געגאנגען בנפשו מתקן זיין דעם תיקון וואס דער הייליגער ישמח משה האט נישט געטוהן מיט זיך אננעמען פאר משה רבינו ע"ה. ועיין ספר על מצות עירוב (דף כ"ח).

דער סך הכל קומט אויס, אז דער ישמח משה האט געזאגט ער מישט זיך נישט. יעצט קען מען פארשטיין אז רבינו הקדוש מסאטמער זצ"ל איז דאך געווען אן אייניקעל פון הייליגען ישמח משה [ישמ"ח אותיות משיח ראה מו"ש שם].

דער ספר **חי אנכי לעולם** ברענגט עדות פון הגה"צ רבי יוסף דוד מוסקוביץ זצ"ל משאץ, עס איז געדריקט אין זיין ספר תיקון עירובין, [אויך אין המאור תשרי תשט"ו], ברענגט ער דארט לגבי דעם עירוב אז דער סאטמערער רבי האט איהם געזאגט מיט זעלבען לשון: ואמר לי בזה הלשון, **בשחוק על שפתיו, איך מיש מיך נישט, ובירך אותי**. עכ"ל. קוקט אויס אז דער סאטמערער רבי איז געווען א גלגול פון ישמח משה, אויב די חסידים וואלטן זיך אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין וואלט ער געקענט זיין משיח, כנ"ל. אבער... אבער... [ועיין אוהחה"ק פ' בלק]. ראה בפרשת פנחס (במדבר כו, ט-יא) ובני אליאב נמואל ודתן ואבירם הוא דתן ואבירם אשר הצו על משה בעדת קרח ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם ואת קרח במות העדה באכול האש ויהי לנס ובני קרח לא מתו.

היוצא לנו מזה דאס רבינו הקדוש זאגט איהם די זעלבע ווערטער ביי די מחלוקה פון עירוב, וואס דאס איז געווען די מחלוקה פון קרח, וואס דער הייליגער ישמח משה האט געזאגט, **איך מיש זיך נישט** ביי די זעלבע מחלוקה עטליכע טויזענט יאר צוריק. על כן זאלן זיך די סאטמערער חסידים אראפ נעמען א מוסר השכל, אז די מחלוקת פון קרח באלאנגט נישט צו זיי. ווייל זיי טארען זיך נישט מישען, אזוי ווי זייער רבי זצ"ל האט געזאגט. אבער אויב זיי ווילען דוקא יא פירען די מחלוקת ווייל עס שטייט ובני קורח לא מתו! [ועיין קדושת לוי כללות הניסים, ותבין השייכות של כ' סיון למחלוקת קרח וגלגולים ועיין בישמח משה על מגילת אסתר (שם ט', כ"ח) "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם, ותכתוב אסתר בת אביחיל" וכו'. ותבין שהבעלי מחלוקת על העירוב הם גלגולים מזמן של המן ועמלק שהשתחוו אז לצלמו, ועברו על ג' עבירות, ראה שמחת הרגל שם, ועל כן אנו רואים שהבעלי מחלוקת האלו הם גם כן עוברים ומכשילים את הרבים בג' עבירות אלו. עיי"ש ותבין. [ועיין עוד מאור עינים פ' שלח עה"פ ויהס כלב].

על כן, דער איינציגער תיקון וואס עס קען זיין פאר סאטמאר איז, אז זיי זאלען מאכען אן אייגענעם עירוב, פינקט ווי אין ירושלים עיה"ק איז דא 4 עירובין, די עדה, די ספרדים, די רבנות הראשית. זאל סאטמאר מאכען אן אייגענען עירוב זאל זיין אויסגעהאלטען לכל הדיעות ושלום על ישראל. די אנדערע חסידים פון פאפא צעהלים, תולדות אהרן ווין, קראסנע, וויזניץ ב"ב, וועלען זיכער נישט רייסען און צוברעכען אייערע עירובין, על כן האט איר נישט קיין פראבלעם, די רייסערס איז דאך נאר דער עוכר ישראל [מיט זיינע אינטערגעקויפטע טעראריסטען] וואס גיט הכשרים אויף פסוליע מקוואות, וד"ל.

## מכתב ג׳ - ער וויל געהאלפען ווערען מיט קינדער!

השי״ת האט מיך געבענטשט מיט עשירות, ב״ה, אבער לײדער שוין 12 יאר וואס איך האב נישט קיין קינדער. על כן אזוי ווי איך האב געזעהן דאס אז איינער איז עוסק אין מאכען עירובין ווערט באלד געהאלפן מיט קינדער. על כן שיק איך אייך 18.000 דאלער, די חברה מחזיקי הדת זאלט איר מאכען וואס איר קענט וועגען מצות עירוב, שרייבען וועגען די גרויסע מצוה פון עירוב, מאכען עירובין אויף פלעצער ווי זיי האבען נישט קיין געלט צו מאכען אן עירוב. איך בין גרייט צו געבען יעדען חודש בל״נ אויף איין יאר צייט 18 אלפים ביז איך וועל געהאלפען ווערן מיט קינדער בעזהי״ת, איך בין מאמין באמונה שלימה אז די ווערטער פון הייליגען צאנזער רב זי״ע איז חי וקים. איך וויל זעהן איר זאלט מאכען מיט די געלט גיטע זאכען ווי שנעלער.

**<u>תשובה:</u>** ב״ה לא אלמן ישראל עס איז נאך דא אידען וואס גלייבען אין צדיקים. אייער תשובה וועט איר בעזהי״ת זעהן אין די אויסגאבע. דער גאנצער כלל ישראל דאנקט אייך, איר האט באמת א גרויסען זכות, מיר האפען אז דורך דעם זכות וועלען מיר בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה. ווי די חז״ל זאגען אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד נגאלין. אשרי יולדתך. [בקרוב האפען מיר שיקען צו אייך א בריון].

## מודעה חשובה

מיר האפען בקרוב ארויס צו קומען מיט א סעט פון 7 ספרים יקרי המציאות אויף הלכות עירוב. די נייע אויסגאבע וועט ארויסקומען אין די צענדליגע טויזענט עקזעמפלארן, עס וועט געטיילט ווערען בחינם.
ווער עס איז אינטערעסירט מפיץ צו זיין גרויסע קוואנטומס פאר אלע שיהלען רבנים און פריוואטע מענטשען אין זייערע שטעט ווערט געבעטען אריינצושרייבען צו אונזער פאסט באקס.

==================================

אגרויסען דאנק פאר הרה״ח יוסף בן רבקה נ״י פאר מנדב זיין די 150 אלפים צו דריקען די ספרים לז״נ אביו הרה״ח ר׳ <u>**מאיר בן אשר**</u> ז״ל נפטר ונ׳ ערב פסח ש״ז. ת.נ.צ.ב.ה.

**אשרי חלקך שזכית לזה, ואשרי יולדתך.**

**<u>כל ישראל ערבים זה לזה: - נא לפרסם הקול קורא׳ס האלו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, ולשלוח לכל החברים שלכם</u>**

<u>קריאה של מצוה - שמרו משפט ועשו צדקה השבת ישלם לך בחזרה</u>.

ווער עס וויל העלפען מפרסם זיין ענינים וועגען די מצוה שחיטה מקוה עירוב ראשי תיבות שמ״ע, זע׳ים כנ״ל, זאל אריין שרייבען צום פאסט באקס:

<u>ALGEMEINER JOURNAL P. O. B. # 250746 BROOKLYN, N.Y, 11225</u>

**אחד מעיר מזכה את כל העיר, שנים ממשפחה מזכים את כל המשפחה, ובזכותן יצאו כלם מהגלות**

<u>״והכינו את אשר יביאו״ מכאן לעירובי חצירות מן התורה, שיערב אדם בשבת בפת או בשום מאכל, כדי שיטלטל מבית לבית ומחצר לחצר</u> (מדרש לקח טוב פרשת בשלח).

צו באקומען אויפן פאקס אלע דוקאמענטען וועגען עירוב רופט: ווער עס וויל זעהן די אלע מכתבי תשובות ובירורים זאל רופן: **וועד העירוב דבארא פארק:**

רשימת הדברים שאפשר לקבל על ידי הפאקס של: 7411 - 438 - (718)

ווער עס וויל באקומען גליונות פון: **״וועד תיקון עירובין דוויליאמסבורג״**

**בהשגחת בית דין מיוחד לעניני עירובין זאל רופען:** 4498 387 - (718)

**צו הערן דברי תורה פון מעיינות התורה והחסידות בעניני עירובין רופט:**

**212 - 990 - 6845**

**מצוה לחזור אחר עירובי חצירות כדי שלא יבואו לטלטל באיסור, וצריך לברך עליו <u>אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב כמו שצריך לברך על מצות של דבריהם</u>** (שו״ע הרב סי׳ ש״ו סעי׳ י״ח)



**רבי שניאור זלמן מלאדי זי״ע**
**בעל התניא ושו״ע הרב**

ספר
**חי**
**אנכי**
**לעולם**

דעת האמיתית של
רבינו הקדוש רבן של ישראל
מרן מסאטמאר זי״ע
בנוגע מצות תיקון עירובין
בעיר נוא יארק יע״א

יצא לאור על ידי
התאחדות תלמידי וחסידי רביה״ק מסאטמאר זצ״קל
ברוקלין נ.י.

בעזהשי״ת

ספר
# על מצות עירוב

לקוטי בתר לקוטי משפתי ישנים מדברי רבותינו ז״ל חכמי הש״ס
וזוה״ק, ומהנהו אשלי רברבי, גדולי הקדמונים, שרפי קודש, שרי
התורה, קדושי עליון, מצוקי תבל, גדולי ומאורי הדורות,
גדולי הפוסקים הראשונים עד גדולי האחרונים, אשר
על הוראתם אנו נשענים, ומפיהם אנו חיים,
ובצלם אנו חוסים, ומימיהם אנו שותים,
אורות המסורה שנמסרה לנו
מרבותינו הק׳ על

**תיקון עירובין בעיירות**
אשר תקנתם פשטה בכל תפוצות ישראל
בכל מקומות מושבותם
כבר מאות בשנים

ונלוה אליו
**תשתלשלות תיקוני עירובין**
**בעיר נוא יארק וברוקלין**
במשך מאה שנים האחרונות
(תרס״ו – תש״ט – תש״כ – תשל״ג – תשמ״א – תש״ס)

יוצא לאור בס״ד ע״י
מכון ״זכרון קדמונים״
פה ברוקלין יצ״ו
שנת ״חכם לב יקח מצוות״ (תש״ם) לפ״ק

